# SendVault שנעלע אנהייבונג אנווייזונגען פאר באנוץ מיט די ניו יארק סטעיט לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פראגראם

די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (New York State Department of Health) מוז אויספאלגן פעדעראלע אינפארמאציע פראצעסירונג סטאנדארטן (Federal Information Processing Standards) און די פעדעראלע אינפארמאציע זיכערהייט פארוואלטונג געזעץ (Federal Information Security Management Act) באשטעטיגטע זיכערהייט מיטלען. איינמאל די דאטא ווערט אריבערגעפירט צו די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט נוצנדיג די אויבנדערמאנטע מיטל, ליגט עס אויף א פייל סערווער אונטער די פייערוואל ביי די העלט דעפארטמענט. די סערווערס זענען געווארן אנגעפילט מיט דרייווס וואס טוען אליינס-ענקריפטן. די דרייווס קומען נאך די פעדעראלע אינפארמאציע זיכערהייט פארוואלטונג געזעץ און זענען באשטעטיגט אלס פאדעראלע אינפארמאציע פראצעסירונג סטאנדארטן 140-2 שטאפל 2 און זענען באשטעטיגט פאר .U.S רעגירונג באנוץ.

SendVault, איז די געשטיצטע וועג פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנעלאגיע סערוויסעס (New York State Office of Information Technology Services) צו שיקן גרויסע און גאר געהיימע פיילס צו אנדערע מענטשן אויף א זיכערן און פעאיגע וועג. די סאופטוועער ערמעגליכט צו ענקריפטן די פייל מיט א פעסווארד.

די ניו יארק סטעיט לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פראגראם וועט באקומען אפליקאציעס, פארגיטיגונג בויגנס און אלע שטיצנדע רעסיטס און דאקומענטן דורך א פערזענליכע SendVault לינק. די SendVault הייפערלינק וועט ערמעגליכן פאר באנוצער צו שיקן פיילס זיכערערהייט צו די העלט דעפארטמענט נוצנדיג די אפליקאציע. באנוצער קענען נוצן די הייפערלינק עטליכע מאל דורכאויס זייער לעבעדיגע ביישטייערונג פראצעדור פאר אריינגעבן פארגיטיגונג קלאגעס.

**קליקט אויף די הייפערלינק אונטן אדער אין אייער אינטערנעט בראוזער, צו עפענען די אפליקאציע:**
.sendvault.ny.gov:443/nys/send/to/dropbox/living-donor

**פעסווארד:** LivingDonor!1234

די הייפערלינק איז אויך אוועילעבל דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס וועבזייטל אויף .health.ny.gov/livingdonor

---

**ערשט וועט איר ווערן געבעטן אריינצולייגן אייער אימעיל אדרעס צו באקומען צוטריט צו די ניו יארק סטעיט פארזיכערטע פייל טראנספער, SendVault:**

1. איר וועט באקומען אן אימעיל לינק צו די אימעיל וואס איר האט געגעבן וואס וועט פארמאגן די לינק צו באקומען צוטריט צו די לעבעדיגע ביישטייערער דראפבאקס.
2. איינמאל איר קליקט אויף די הייפערלינק אין די אימעיל, וועט איר קענען ארויפלייגן פיילס צו שיקן (אפלאוד'ן) צו די לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פראגראם נוצנדיג SendVault.
3. אין די טיטל: פעלד שרייבט אייער סובדשעקט\טעמע; איר וועט האבן אן אויסוואל צוצולייגן נאך אינפארמאציע צו די נאטיצן פעלד.
4. לייגט ארויף אייערע פיילס דורך אויסוועלן אדער די **Browse for files (זוכט פאר פיילס)** קנעפל אדער **Browse for folders (זוכט פאר פאלדערס)** קנעפל, טרעפט די פיילס וואס איר ווילט ארויפלייגן.
5. קליקט אויף די קעסטל נעבן די **Accept the Terms of Service (נעמט אן די טערמינען און באדינגונגען פון סערוויס)**.
6. דרוקט **Send Package (שיקט פעקל)** אריינצושיקן די פיילס.
7. יעצט וועט איר ווערן געבעטן צו אריינלייגן און באשטעטיגן א פעסווארד פאר די פארזיכערטע פייל טראנספער.
8. נוצט די פעסווארד **LivingDonor!1234**
9. איינמאל איר זעט די מעסעדזש **Done (געמאכט)**, איז אייער פעקל אויפ'ן וועג.